These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

Call no: B. (NS)Cr151

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

Title: Di lied fun di kimpetoren.

כותר: דיא ליעד פון דיא קימפעטארען.

Imprint: [London]: M. Goldberg, [19--?]

דפוסת: [לונדון] : מ. גאלגבערג, [?--19]

Collation: 1 broadside ; 25 x 18 cm.

Notes: Type of broadside: Poem.

הערות: התחלת השיר: אז איך בין אין דיא הייליגע טאג ...

---

Subject: Yiddish poetry.

# די ליעד פון די קימפעטארע.

## צו בעקומען ביי מיסטער גאלדבערג, 5 דזעם סטריט.

אז איך בין אין די היילינע טעג,
גיגאנגען אויף קבר אבות
ו ויא איך בין גיקומען אויף דעם וועג,
האב איך פערלוירען אללע מחשבות,
איך האב דערהערט איין טרויריגע שטימע
פון איין פרישען קבר,
אז עס איז מיר געווארען שלים,
עס האט מיר געציטערט אבר פאר אבר.
אזוי וויא איך בין געקומען נאהנט,
בין איך גיוואהר גיווארין,
דיא שטיממע איז מיר בעקאנט
פון א יונגע קימפעטארין,
זיא זינגט דארטען לידער,
אויף דעם לעבעדיגען גאנג
וואס איז מיר שוועהר מיינע גלידער,
אז איך ליג גאר נישט אזוי לאנג.
זיא זאגט מיר האט גישרעקט,
וואס איז מיר אזויא קאלט,
איך ליג דאך איינגידעקט,
איך בין דאך גאר נישט אזויא אלט,
ווארום קען איך זיך נישט שטעלען
אויף א זייט אום קעהרען.
איך וואלט שוין אפילו וועלען,
פון מיין לעבען פטור ווערען,
אבער ווען שוין גאר דער מינסטער,
האט דאך א שטיקעל ליכט,
וואס איז מיר אזויא פינסטער,
אז איך זעה שוין נים קיין געזיכט,
אבער וואו איז מיין געזונד,
לאזען זייא מיך איבערלייגען,
און ווער האט ערשט מיין קינד
און ווער גיבט איהם צוא זייגען.
אבער אויף מיינע אויגען איז איין לאסט
אז איך קען זייא נישט אויף קלעבען.
דיא קליידער זיינען אום פערפאסט
זייא טוהען מיר צוא דער ערד שלעפען
איך בין דאך אזויא קראנק,
איך קען שוין קיין אטהעם קריגען,
איך ליג אפין הוילען באנק,
ווערים עסען מיך וויא פליגען.
איך ווייס נישט דעם סעקרעט,
וואס איז מיר אזויא ענג

וואו איז דא מיין בעט,
וואו איז דיא בריים און דיא לענג,
נישט אנדערשט אז איך בין גישטאָרבען
און דא איז שוין מיין רוה,
מיין קערפער איז שוין פערדארבען,
אבער וויא גייט דארט מיט מיינע קינדער צו ?
דיא קינדער זענען מיר אנגיקוממען,
מיט דיא גרעסטע שמערצען,
איך האב אלעס פאר ליב אנגינומען,
איך האב גיהאלטען דיא וואונדען אין הערצען
מיין בלוט האבען זייא גיזויגען,
איך האב פארוואגעלט פון מיר מיין שלאף,
איהר פארחתמ'טע אויגען,
עפענט און זעהט מיין סוף
אוי, מיין מאן דער גוטער,
וויא וועט ער קעננען לעבען,
ער זאל צוא איין אנדערע מוטטער
דיא קינדער דארפען אפ געבען,
פון אנפאנג אזויא גוט און גיטריא,
גיט זיא זייא איין ריינע העמד,
וויא ניר א צייט פארבייא,
דערקענט מען שוין אז דאס איז פרעמד
אזויא לאנג וויא עס איז נאך ווארעם
וועט ער נישט פערגעסין,
דער נאך אונטער זיין ארים
וועט זיצען איין אנדערע און עסין,
אבער דיא קינדער וועלין באקלעהרין
ווער זיצט אויף מיין מוטערס ארט,
זיי וועלען דאך שלינגען מיט טרערין,
און טארין נים רעדין קיין ווארט,
אבער אין מיין מאן'ס אללע נויטען,
בין איך גיוועזן צום שטוץ
היינט וועט זיך פערשפרייטען,
איין אנדערע אויף מיין גוץ,
ער וועט מיך לאזין פאר מאררין,
קעגען איין אנדערע זיך צוא פלייסען
דער קבר וועט נישט געדוירין
מיינע קינדער וועלען איהם צוּרייסען,
איך פלעג וויא א שפיגעל קוקען.
אין דיא קינדערשע צרות
הוינט טאג און נאכט אין ווינעל
וויא דיא וואס זיצען אין דיא נארים,
פייכט, מארגע גוע״ים

וועט זיין זייערע בעט גיוואנט
זייא טוהען זיך נעבאך רייסען דיא גידערים
אבער ווער וועט זייא נעמען אויפין האנד ?
מיין מאן וועט געשווינד,
וויסען וואס צרות בעטייט,
אז זיא וועט האבען איין קינד,
און מיינע וועלין שטיין אין איין זייט
וועט ווערין אין שטוב זילזולים,
און איהרע וועלין זיין מיוחסים,
אונד אלערהאנד בילבולים,
וועט מען מאכען אויפין יתום.
זייא וועלין דאך זיין געפרעסט,
ביז מען וועט זייא רעדען שידוכים
וועט ווערען א ריידע פון קעסט,
וועט זיך אנהייבען ויכוחים,
וויא פיעל מען וועט פערשרייבען,
וועט מען זיין משנה,
ביי דיא קינדער וועט דאך בלייבען
איין טויטען צוא זיין מקנא,
וויא פיעל מיין מאן פלעגט קאסטען
אמאל מיין קינדס קלייד.
דאס קינד פלעגט זיך אן מעסטען
האבען מיר גיהאט גרויס פרייד.
היינט ביי שלעכטע לייט,
וועט שוין אנקוממען מיט קללות,
און שוין ביי דעם איידעלעם גראד,
וועט זיין דער בייא יללות,
אבער בעת צום באדעקינס,
בייא מזכיר נשמות,
טוט זיך דער וועקען
בייא אלעמען רחמנות,
איך וואלט דאס חאצביק קעננען,
שטייען דער בייא און הערין,
אין הארצען וואלט מיר ברענען.
איך וואלט זיך לעשען מיט טרערין,
צוא שטייט נישט ווער דער בייא,
און הערט מיין קלאגען,
כדי מען זאל זיין דיא יתומים גיטרייא,
און דיא רייד מיין מאן אפ זאגען,
דער טויט האלט מיר געפאנגען,
ביז יום התחיה,
איך וואלט א זכות פערלאנגען,
פאר איהר גוטע יגיע,

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע